**גוט שבת אלע אידן.** ר' יחזקאל מארגענשטערן (נישט זיין עכטע נאמען) איז א איד וואס האט געלעבט רוב ימיו אין ניו יארק מיט זיין רביצן און דריי קינדער: יאנקעל, ישראל און ראובן. איין טאג האט ר' יחזקאל נישט גוט געפילט. עס איז געווען שווער פאר אים צו שטייגן שטיגן און ער האט נישט געקענט כאפן זיין אטעם. נאך א שטיק צייט איז ער געגאנגען צום שפיטאל, וואו די דאקטוירים האבן געמאכט אלע מיני טעסטס. די דאקטורים האבן אים דערציילט אז זיי דארפן גלייך מאכן אן אפעראציע אויף זיין הארץ וואס עס איז געווען אנגעשטאפט, ל"ע.

ר' יחזקאל האט נישט געגלייבט וואס ער האט געהערט. ער איז געווען נאר 65 יאר אלט. אבער, ער איז געווען א פרומער איד און ער האט געגלייבט אז "גם זו לטובה." די דריי זון זענען געקומען גלייך צום שפיטאל, ווען זיי האבן געהערט די בשורה. צוויי פון ר' יחזקאל'ס קינדער זענען דעמאלט געווען ערליכע יונגעלייט. זיי זענען געווען חשובע מענטשן אין די קהילה. אבער, דער דריטער זון ראובן, אדער "ראובערט" אזוי ווי ער האט יעצט געהייסן, איז ליידער נישט געווען אזוי ערליך, ווייל ער איז נעבאך אראפגעגאנגען פון אידישן וועג, ה' ירחם.

יעצט, פאר די אפעראציע, זענען אלע דריי ברידער און ר' יחזקאל'ס רביצן צוזאמענגעקומען אין שפיטאל צו שטייען ביי יחזקאל'ס זייט בשעת די אפעראציע. באלד דערנאך האט די אפעראציע זיך אנגעהויבן. די משפחה האט געזאגט תהלים, האפענדיג אז אלעס וועט זיין בסדר.

די אפעראציע האט ליידער נישט אזוי שטארק מצליח געווען. די ווייטאג אין יחזקאל'ס הארץ זענען געווארן שטארקער און דאס אטעמען איז געווארן גאר שווער פאר אים, ל"ע. זיי האבן אים ארויסגענומען פון דער אפעראציע שטוב און אים געלעגט אין א פריוואטע בעט. די גאנצע משפחה איז געשטאנען לעבן דעם בעט, און עס האט זיי ווי געטון צו זען זייער טאטע אין א אזא שווערן מצב. עס האט נישט אויסגעקוקט ווי ער וועט דורכלעבן דער נאכט, ה' ירחם.

פלוצלינג, האט ר' יחזקאל געעפענט זיינע אויגען און ער האט גערופן זיינע זון אז זיי זאלן זיך דערנענטערן. איינס אויף א מאל, האט ער געבענטשט זיינע זון און געהייסן אז זיי זאלן ווערן זיין ממלא מקום אין פארשידענע תפקידים וואס ער האט געהאט דורך זיין לעבן. למשל, יאנקעל זאל ווערן דער גבאי פונעם שול, און ישראל זאל ווערן דער פרעסידענט פון דער ישיבה, וכו'. די קינדער האבן נישט געוואלט הערן אזעלכע רייד, אבער ר' יחזקאל האט זיך געעקשנט, ווייל ער האט געוואוסט אז זיין ענד איז געווען נאנט.

דאן האט ער גערופן ראובערט, דער דריטער זון וואס איז נעבעך נישט געווען ערליך. "ראובן," האט ר' יחזקאל אנגעהויבן צו זאגן מיט א שוואכקייט, "איך וויל בעטן א באזונדערע טובה פון דיר."

"אלעס, טאטי, אלעס... וואס נאר דו זאלסט בעטן פון מיר, זאג איך דיר צו אז איך גיי עס טון." האט ראובערט געזאגט מיט טרערן אין זיינע אויגען. ראובערט האט שטארק געוואלט אז זיין טאטע זאל אים אויך מכבד זיין מיט עפעס א תפקיד, אזוי ווי ער האט געטון מיט די אנדערע ברידער.

"אבער, דו דארפסט מיר צוזאגן," האט ר' יחזקאל געזאגט בשעת ער האט גענומען ראובערט'ס האנט אין זיין האנט.

"יא, איך וויל טאטי, איך וויל," האט ראובערט געזאגט.

"ראובן, זאג מיר צו אז נאך מיין הסתלקות..."

"יעדע זאך, טאטי, יעדע זאך, איך זאג דיר צו..." האט ראובערט געזאגט דורך זיינע טרערן.

"זאג מיר צו, אז נאך מיין הסתלקות, וועסטו נישט זאגן קדיש, ביז דו גייסט ווערן א בעל תשובה!"

ראובערט איז געווארן איבעראשט. ער איז געווארן שטום, ער האט נישט געקענט רעדן. נאך אפאר סעקונדעס האט ראובערט געזאגט, "יא, איך זאג דיר צו." נאכדעם איז געווארן א טיפע שטילקייט אין דעם שטוב. ר' יחזקאל האט צוריקגעגעבן זיין נשמה צו זיין באשעפער. זיי האבן גערופן די חברה קדישא און זיי האבן ערלעדיגט די לוויה פאר דעם נעקסטען טאג אינדערפרי.

זיין טאטע'ס ווערטער האבן אים זייער ווי געטון. ווייל כאטש אפילו ראובערט איז געווען נעבאך אינגאנצען פריי, האט ער געטראכט אז ער וויל זאגן קדיש פאר אים. פון איין זייט האט ער געהאלטן אז אפילו ער האט נישט געהיטן מצוות, האט ער א רעכט געהאט צו זאגן קדיש. פון דעם אנדערען זייט האט ער זיך דערמאנט וועגן זיין הבטחה צו זיין טאטען אז ער וועט נישט זאגן קדיש ביז ער וועט ווערן א בעל תשובה.

די נעקסטע טאג אינדערפרי איז פארגעקומען זיין טאטע'ס לויה. ווען עס איז געקומען די צייט צו זאגן קדיש, האבן זיין צוויי ברידער יאנקעל מיט ישראל אנגעהויבן צו זאגן קדיש. די הייליגע ווערטער פון קדיש זענען אריינגעגאנגען אין ראובערט'ס הארץ און ער האט אנגעהויבן צו וויינען שטארק. די פארזאמעלטע משפחה און חברים זענען ערשטוינט געווארן צו זען אז ראובערט האט נישט מיטגעזאגט קדיש. דער עולם האט גארנישט געוואוסט פון דעם וואס דער גוסס האט געזאגט פאר זיין זון אפאר מינוט פאר זיין געזעגענען פון דער וועלט. די זאך האט זיך איבערגעחזרט יעדע תפלה ביי דער שבעה, ד"ה, די צוויי ברידער האבן געזאגט קדיש, אבער ראובערט האט נישט מיטגעזאגט. די אנקוקערס האבן געוואוסט אז ראובערט איז נעבאך פריי געווארן אבער זיי האבן זיך נישט פארגעשטעלט אז ער איז געפאלן אזוי ווייט.

נאך די שבעה זענען ראובערט און זיין בני בית אהיימגעפארן קיין פינעקס, אריזאנע. די חברה ביי זיין ארבעט האבן באמערקט אז ראובערט איז נישט געווען דער זעלבער מענטש ווי פריער. ראובערט איז טאקע זייער צובראכען געווען. נישט נאר וועגן זיין טאטע'ס פטירה וואס איז געשען אזוי פלוצלינג, אבער אויך פון דעם וואס זיין טאטע האט אים נישט געלאזט זאגן קדיש. קיינער האט נישט געקענט אים בארוהיגען.

איין טאג דערנאך האט ער שוין נישט געקענט אויסהאלטן. ער האט עס דורכגעשמועסט מיט זיין בני בית און זיי האבן מחליט געווען צו ווערן בעלי תשובה! ראובן און זיין בני בית זענען צוריקגעקומען פאר די יארצייט וואו ראובן האט געמאכט א סיום לעילוי נשמת זיין טאטען. נאך די "הדרן" האט ראובן געזאגט קדיש צוזאמען מיט זיין ברידער מיט א הויכן קול. די מאמע האט אלעס אנגעקוקט מיט א שמייכל און א טרער אין אירע אויגן.

די עיקר פון דער פרשה די וואך איז די קרבנות. דער ציל פון א קרבן איז צו מקרב זיין א איד צום אייבערשטען, אזוי ווי עס איז מרומז אין דעם ווארט "קרוב" – נאנט. די מעשה ווייזט אויף א מורא'דיגע אופן ווי איין איד איז מקורב געווארן צום רבונו של עולם דורך מקיים זיין א מצוה. די מצוות זענען געווען דאס וואס ער האט געפאלגט זיין טאטען, ד"ה, "כיבוד אב ואם" און אויך, "מצוה לקיים דברי המת." (תענית כא.) דורך ליינען די מעשה קענען מיר אלע נתעורר ווערן צו טון תשובה. ווייל כאטש אפילו די מעשה איז אמת, ליגט אין די מעשה א געוואלדיגע נמשל אויך. ד"ה דער אייבערשטער, אונזער טאטע אין הימעל, וויל אז מען זאל תשובה טון. און נאכדעם וואס א איד טוט תשובה, דאן וויל דער אייבערשטער באמת צוהערן דער איד'ס תפילות. דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן אלע זוכה זיין צו מקורב ווערן צו אונזער טאטען אין הימעל און עס זאל שוין זיין "ויצמח פורקנה ויקרב <u>קץ</u> משיחה." **גוט שבת אלע אידן.**

**לע"נ כ"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט זצוקללה"ה**

מזל טוב לידידי מוה"ר יעקב יוסף טויב שליט"א לרגל שמחת לידת נכדתו אצל בנו מוה"ר אברהם יהושע העשל נ"י

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362-3234 (845)**

<u>**נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש :לייג צוריק די ספרים! תעשה את המצוה בשלמות!**</u>